**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/8/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול אנאנסירט אז מער פון 7 מיליאן דאלאר זענען דא פאר מעדיצינען פאר אדיקשען באהאנדלונג**

***15 פראווײדערס צו באקומען פינאנצירונג צו אויפשטעלן פראגראמען אויסגעשטעלט צו ערמעגליכן צו באקומען אויפן זעלבן טאג buprenorphine און אדיקשען קעיר באהאנדלונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט מער פון 7 מיליאן דאלאר פאר 15 פראווײדערס אריבער ניו יארק סטעיט צו שטיצן מעדיצינען פאר אדיקשען באהאנדלונג דורכן אויפשטעלן ברייטע buprenorphine סערוויסעס מיט גרינגע צוטריט. די פראגראמען זענען אויסגעשטעלט צו נאכקומען די אנגייענדע נויט פאר מעדיצינען און אנדערע אדיקשען סערוויסעס דורכן ערמעגליכן מענטשן זיך צו איינשרייבן פאר buprenorphine באהאנדלונג און קעיר מענעדזשמענט אין איין טאג. די געלטער וועלכע ווערן פארטיילט קומען פון ניו יארק סטעיט'ס אפיויד סעטלמענט קאסע (Opioid Settlement Fund).

"פארבעסערן צוטריט צו לעבנ'ס-ראטעווענדע מיטלען און שטיצע ווי מעדיצין איז א קריטישע חלק פון העלפן ניו יארקער וועלכע ווערן באטראפן דורך אדיקשען און פונעם אדרעסירן די קריזיס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך די פינאנצירונג פאר אדיקשען באהאנדלונג פראגראמען און פראָווײדערס אריבער גאנץ ניו יארק, בלייבט מיין אדמיניסטראציע איבערגעגעבן צו נאכקומען די אנגייענדע נויט פאר באהאנדלונג סערוויסעס צו העלפן ראטעווען לעבנס און שטיצן קאמיוניטיס אזוי ווי זיי באקעמפן די אפיויד מגיפה."

א ברייטע צוגאנג צו באקעמפן אדיקשען און שטיצן די וועלכע ליידן פון די אפיויד מגיפה איז נויטיג. די פארשונג ווייזט אז buprenorphine איז א זיכערע און ווירקזאמע טראץ buprenorphine איז א זיכערע און ווירקזאמע וועג צו באהאנדלען אפיויד באנוץ קראנקהייט, האבן אסאך פראָווײדערס שטרענגע באדינגונגען צו אנהייבן און אנגיין מיט באהאנדלונג דערמיט. דאס קען באגרעניצן די צאל מענטשן וועלכע באקומען די מעדיצין. ברייטע פראגראמען וועלכע האבן ווייכערע באדינגונגען זענען אויסגעשטעלט צו העלפן אדרעסירן די פראבלעם דורכן ערלויבן מענטשן צו באקומען באלדיגע buprenorphine באהאנדלונג און קעיר מענעדזשמענט סערוויסעס אויפן זעלבן טאג.

די פּראווײדערס צו באקומען פון די פינאנצירונג זענען אויסגערעכנט אונטן, אריינרעכענענדיג אזעלכע וועלכע זענען סערטיפייד דורך די OASAS, די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט אדער די העלט דעפּארטמענט. יעדע פון די פּראָווײדערס באקומט א סומע פון ביז $500,000.

**הויפשטאט ראיאן**

- Hope House

**צענטראל ניו יארק**

- Family Counseling Services of Cortland County

**פינגער לעיקס**

- FLACRA
- Helio Health

**לאנג איילענד**

- Family and Children's Association

**מיטל-האדסאן**

- Westchester Medical Center

**New York City**

- הארלעם יונייטעד קאמיוניטי ׳איידס׳ צענטער
- Housing Works Health Services III
- Center for Comprehensive Health Practice
- St. Ann's Corner of Harm Reduction, Inc.

**צפון קאנטרי**

- Credo Community Center
- Canton Potsdam Hospital

**דרום טייל ראיאן**

- United Health Services Hospital

**מערב NY**

- EHS Evergreen Health, Inc.
- BestSelf Behavioral Health Incorporated

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע ( Office of Addiction Services and Supports, OASAS) קאמישאנער, טשינאַזאָו קאנינגעהעם, האט געזאגט,** "עס איז קריטיש אז מיר זאלן באטראכטן יעדע מעגליכע וועג צו ערמעגליכן מענטשן צו באקומען סערוויסעס פאר אדיקשען, אריינרעכענענדיג מעדיצינען ווי buprenorphine. די נייע פראגראמען וועלן ערלויבן מענטשן אין נויט צו באלדיגערהייט פארבינדן ווערן מיט סערוויסעס און זיי וועלן שטיצן זייער אלגעמיינע געזונטהייט צושטאנד."

**צייטווייליגער סטעיט העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "אפּיויד באנוץ קראנקהייט איז א קאמפּליצירטע קראנקהייט, אבער עס קען באהאנדלט ווערן, און buprenorphine איז גאר א ווירקזאמע באהאנדלונג דערפאר. די וויכטיגע אינוועסטירונג העלפט אוועקנעמען שטרויכלונגען און עס העלפט מער פּאציענטן אנהויבן די באהאנדלונג און אנקומען צו זייער ערהוילונג. Buprenorphine ראטעוועט לעבנס, און די דעפּארטמענט זעצט פאר צו שטיצן מאסנאמען וועלכע פארמערן די צוטריט דערצו און וועלכע עלימינירן הויכע קאסטן וועלכע שטייען אין וועג פון מענטשן צו אנקומען צו די וויכטיגע סערוויסעס און מעדיצינען וועצכע באהאנדלען אפּיויד באנוץ קראנקהייט. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע מיטגעפיהל און איבערגעגעבנקייט צו די וועלכע ראנגלען זיך מיט די קראנקהייט."

**אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאָליוואן, האט געזאגט,** "Buprenorphine איז זיכער און ווירקזאם, און עס העלפט מענטשן זיך ערהוילן פון די טראגעדיע פון אפּיויד אדיקשען. פארברייטערן צוטריט צו buprenorphine און אנדערע אדיקשען סערוויסעס וועט ראטעווען לעבנס און העלפן פילע מענטשן און פאמיליעס וועלכע באקעמפן אן אדיקשען. דאס איז א וויכטיגע באשטאנדטייל פון אונזערע באמיאונגען צו באקעמפן אדיקשען און אָווערדאָוז טויטפעלער."

ניו יארק סטעיט באקומט מער פון 2 ביליאן דאלאר דורך פארשידענע סעטלמענט אפּמאכן מיט אפּיויד און מעדיצינען פירמעס וועלכע זענען פארזיכערט געווארן דורך אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס. א חלק פון די סעטלמענט געלטער וועלן גיין דירעקט צו לאקאלע רעגירונגען, און די רעשט וועט אריינגעלייגט ווערן אין א ספּעציעלע קאסע צו שטיצן פארמיידונג, באהאנדלונג, שאדן רעדוקציע און ערהוילונג באמיאונגען צו אדרעסירן די אנגייענדע אפּיויד מגיפה.

דער זעלבער געזעץ וואס האט אויפגעשטעלט די ספּעציעלע קאסע האט אויך אוועקגעשטעלט די אפּיויד סעטלמענט קאסע אדווייזארי באורד מיט די אויפגאבע צו אהערשטעלן רעקאמענדאציעס איבער וויאזוי סעטלמענט געלטער זאלן פארטיילט ווערן כדי צו דינען די וועלכע נויטיגן זיך דערין אויפן בעסטן פארנעם. די באורד מיטגלידער האבן פארעפנטליכט זייערע ערשטע רעקאמענדאציעס נאוועמבער 1, 2022, שטעלנדיג אלץ הויפּט פּריאריטעטן צו פארברייטערן שאדן רעדוקציע סערוויסעס און באהאנדלונג.

ניו יארק סטעיט האט אייגעפירט אן אגרעסיווע, פיל-צייניגע צוגאנג צו אדרעסירן די איבערדאזע עפּידעמיק, און באשאפן א פאלק-פירנדיגע המשך פון אדיקציע קעיר מיט פולע פארמיידונג, היילונג, גענעזונג און שאדן-פארקלענערונג סערוויסעס. די סטעיט האט געארבעט צו פארברייטערן צוטריט צו טראדיציאנאלע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג קריזיס סערוויסעס, אין-פּעישענט, אַוט-פּעישענט און באהאנדלונג פראגראמען וואו די פאציענטן וואוינען אויפן ארט, מעדיצינען צו באהאנדלען אדיקשען, און אזוי אויך מאוביל באהאנדלונג און טראנספּארטאציע סערוויסעס.

גאווערנאר האקאל איז געווען א מיטגליד פון די NYC הערויאין און אפּיויד איינהייט ( NYS Heroin and Opioid Task Force) וועלכע האט אין 2016 רעקאמענדירט נייע, נישט-טראדיציאנאלע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג ערהוילונג צענטערן, יונגווארג קלאבהייזער, פארברייטערטע סערוויסעס פון מדריכים וואס זענען אליינס אריבער אדיקשען, און אפענע צוטריט צענטערן וואס שטעלן צו באלדיגע אונטערזוכונגען און שיקן פאר ווייטערדיגע קעיר. די סערוויסעס זענען זינט דאן אוועקגעשטעלט געווארן אין מערערע קאמיוניטיס ארום די סטעיט, און זיי האבן געהאלפן מענטשן אין נויט צו האבן צוטריט צו קעיר נאענטער צו וואו זיי וואוינען.

די ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע זעהט איבער איינס פון די לאנד'ס-גרעסטע דראג באנוץ קראנקהייט קעיר סיסטעמען מיט בערך 1,700 פארמיידונג, באהאנדלונג, שאדן רעדוקציע און ערהוילונג פראגראמען, דינענדיג איבער 731,000 מענטשן יעדעס יאר. דאס איז כולל די דירעקטע

אפעראציע פון 12 אדיקציע היילונג צענטערס וואו אונדזערע דאקטוירים, נורסעס, און קלינישע שטאב שטעלן צו שפיטאל-פאציענטן און איינוואוינער סערוויסעס פאר בערך 8,000 מענטשן א יאר.

ניו יארקער וועלכע מוטשען זיך מיט אן אדיקשען, אדער וועמענס באליבטע מוטשען זיך מיט אן אדיקשען, קענען טרעפן הילף און האפענונג דורכן רופן די סטעיט'ס אומזיסטע HOPE האטליין, 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך, אויף 1-877-8-HOPENY (1-877-846-7369) אדער דורכן טעקסטן צו 467369 (וואס שטייט פאר HOPENY).

אדיקשען באהאנדלונגען וואס זענען דא צו באקומען – אריינרעכענענדיג עמערדזשענסי/דיטאַקס, אינפעישענט, פלעצער וואו פאציענטן וואוינען אדער אַוטפעישענט קעיר – קענען געפונען ווערן דורכן נוצן די NYS OASAS באהאנדלונג אוועילעביליטי דעשבאָורד אויף FindAddictionTreatment.ny.gov אדער דורך די NYS OASAS וועבזייטל.

אויב איר, אדער א באליבטער, האט געהאט פראבלעמען מיט אינשורענס וואס האט א שייכות מיטן היילונג אדער דארפט האבן הילף איינצוגעבן אן אפעלאציע פאר אן אפגעזאגטע תביעה, פארבינדט אייך מיטן CHAMP הילפליין 888-614-5400 אדער אימעילט ombuds@oasas.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418